בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

## דִּבְּרוֹת קוֹדֶשׁ וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּעֵת רַעֲוָא דְרַעֲוִין

פַּרְשַׁת שְׁמוֹת תשפ"א לפ"ק

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דוּרְךְ מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיְחִי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָארְגֶעלֶערְנְט שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נג.

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פָּארְלֶערְנֶען הָאט זִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶערוּפְן: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם (שָׁם): דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ פָאלְגְן וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; וֶועלְן מִיר לֶערְנֶען אַבִּיסְל פוּן סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

**מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה חַיָּיו חַיִּים וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד. כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ. וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ** (דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִין חַס וְשָׁלוֹם) **גַּם כֵּן טוֹב, כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ. כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה. אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת, כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל, וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן. אֲבָל עַל יְדֵי אֱמוּנָה מַה טּוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ כַּנַּ"ל:**

[אִין אִידִישׁ: "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה - חַיָּיו חַיִּים, וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - דֶער לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן נָאר מִיט גוּטְס. "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִין חַס וְשָׁלוֹם גַּם־כֵּן טוֹב", אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, עֶר לַיידְט יִסּוּרִין חַס וְשָׁלוֹם - אִיז אִים אוֹיךְ גוּט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף־עַל־פִּי־כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּן אִים הֶעלְפְן. וַוייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס אִיז גוּט פַאר מִיר, "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם, חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל, כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת, כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל, מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל, וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב, מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם טְרֵייסְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן וַוייל עֶר גְלֵייבְּט דָאךְ נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אֲבָל עַל־יְדֵי אֱמוּנָה מַה טּוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ כַּנַּ"ל", אָבֶּער דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה הָאט אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן].

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (בְּרֵאשִׁית מז, כח): וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם וְגוֹ', יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט 'גֶעלֶעבְּט' אִין מִצְרַיִם; יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעלִיטְן זֵייעֶר אַסַאךְ צָרוֹת אִין לֶעבְּן, וִוי עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אִין דִי פַארְגַאנְגֶענֶע פַּרְשִׁיּוֹת אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת וָואס עֶר אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטַאנֶען - פוּן עֵשָׂו, פוּן דִינָה, פוּן יוֹסֵף, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרָאפְּנִידֶערְן קַיין מִצְרַיִם - דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט אוּן גֶעלֶעבְּט אַ לֶעבֶּעדִיגֶע לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא "וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - דֶער לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן נָאר מִיט גוּטְס".

אֲפִילוּ דָאס אַרָאפְּנִידֶערְן קַיין מִצְרַיִם אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ פַאר יַעֲקֹב אָבִינוּ, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ גֶעווָאוֹינְט אַלֶע זַיינֶע יָארְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דָאךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק: "וַיְחִי יַעֲקֹב 'בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם' וְגוֹ'" אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרָאפְּנִידֶערְן קַיין מִצְרַיִם דָאךְ 'וַיְחִי יַעֲקֹב' - הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט

אַ לֶעבְּן, און דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערצֵיילְט: אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן און אִים דֶערצֵיילְט אַז מֶען טְרַאגְט אִים אָן אַ שִׁידוּךְ וָואס דֶער שִׁידוּךְ אַלֵיינְס גֶעפֶעלְט אִים זֵייעֶר, אָבֶער הֱיוֹת עֶר דַארְף גֵיין וואוֹינֶען אִין אַ צְווייטֶע פְּלַאץ וויל עֶר נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דֶעם שִׁידוּךְ, ווייל עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט גֶעפִינֶען דָארְט דָאס פְּלַאץ, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן נו; שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קלט): "כְּשֶׁיֵּשׁ לְהָאָדָם לֵב אֵין שַׁיָּךְ אֶצְלוֹ מָקוֹם כְּלָל, כִּי אַדְּרַבָּא, הוּא מְקוֹמוֹ שֶׁל עוֹלָם וְכוּ'"; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועט אִים גוּט זַיין וואוּ עֶר אִיז נָאר, ווייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל.

דִי שְׁאֵלָה אִיז נָאר 'ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ זוֹכֶה זַיין צוּ 'אֱמוּנָה' עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן פוּן דַיינֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן'? - זָאגְט דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלץ דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען פְרֶעגְט דִיךְ: "וֶועסְט קוּמֶען הַיינְט נַאכְט?" זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן: "יָא", נָאר עֶנְטְפֶער: "מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף"; מֶען פְרֶעגְט דִיךְ: "וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ?" עֶנְטְפֶער: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; מֶען פְרֶעגְט דִיךְ: "הָאסְט אַ שִׁידוּךְ גֶעטוּן?" עֶנְטְפֶער: "הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ" - דָאס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תְּלוּיָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", ווִי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אַלץ מֶער אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט: 'מִיט מַיין מוֹיל דֶערְצֵייל אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', "הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה, וְגַם עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה", אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה - דָאס אַלֵיינְס אִיז אֱמוּנָה און דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה.

און דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט: מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן זֵייעֶר נֶערְוֶועז וֶוען מֶען עֶנְטְפֶערְט זֵיי מִיט 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער', אִיךְ פְרֶעג דִיר צִי דוּ קוּמְסְט צוּ דִי חֲתוּנָה, וָואס הֵייסְט 'מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף', עֶנְטְפֶערְט מִיר 'יָא' צִי 'נֵיין'! - אָבֶער דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז דֶעם עֵצָה צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה און לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דוּרְכְ'ן שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִ"ים; מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט אָבֶער מִיר גְלֵייבְּן אִין וָואס דִי צַדִּיקִים זָאגְן, דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט (שַׁעַר רוּחַ הַקֹּדֶשׁ, תִּיקּוּן כז) אַז אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִ"ים קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועזְן; דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר אִין דִי טֶעג תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶועזְן אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן.

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן אַ גַאנְץ יָאר יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים און אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִ"ים הָאט עֶר גֶעזָאגְט יֶעדְן טָאג צְווֵיי מָאל דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל מִיר זָאלְן פְּרוּבִּירְן צוּ זָאגְן שׁוֹבָבִ"ים יֶעדְן טָאג כָּאטְשׁ אֵיין מָאל דֶעם יוֹם תְּהִלִּים.

און דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיטְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיב הָאט עֶר פַארְפֶעלְט אֵיין טָאג צוּ טוּן וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט טוּן, זָאל עֶר צוּם עֶרְשְׁט ווייטֶער גֵיין מִיטְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט מַשְׁלִים זַיין וְכוּ', ווייל דָאס מַשְׁלִים זַיין פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע טֶעג דָאס מַאכְט שְׁוֶוער זִיךְ צוּרִיק צוּ כַאפְּן צוּם סֵדֶר וָואס מֶען דַארְף טוּן און צוּם סוֹף לָאזְט מֶען אִינְגַאנְצְן אָפּ; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז דוּ הָאסְט פַארְפַאסְט זוּנְטָאג צוּ זָאגְן דֶעם 'יוֹם רִאשׁוֹן' פוּן סֵפֶר תְּהִלִּים, זָאלְסְטוּ מָאנְטָאג אָנְהֵייבְּן פוּן 'יוֹם שֵׁנִי', וַוארְט נִישְׁט בִּיז דוּ וֶועסְט צוּם עֶרְשְׁט מַשְׁלִים זַיין דֶעם זוּנְטָאג ווייל דֶעמָאלְט קֶען גֶעשֶׁעְן אַז דוּ וֶועסְט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן צוּ זָאגְן תְּהִלִּים. דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; הָאסְט נָאכְנִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶועזְן עֶטְלִיכֶע פַּרְשִׁיּוֹת, וַוארְט נִישְׁט אָנְצוּהֵייבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אַ נַייעֶ סֵפֶר, נָאר הֵייבּ הַיינְט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דֶעם הַיינְטִיגְן פַּרְשָׁה, ווייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט וַוארְטְן בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן אַ נַייעֶ סֵפֶר וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. אַזוֹי אוֹיךְ מִיטְ'ן 'בְּלַאט גְּמָרָא'; מִיר הֵייבְּן הַיינְט אָן אַ נַייעֶ פֶּרֶק אִין מַסֶּכֶת פְּסָחִים 'פֶּרֶק אֵלּוּ עוֹבְרִין', כַאפּ זִיךְ מִיט פוּן הַיינְט, הֵייבּ הַיינְט אָן צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט, טְרַאכְט נִישְׁט 'אִיךְ וֶועל וַוארְטְן בִּיז מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן אַ נַייעֶ מַסֶּכְתָּא, מַסֶּכֶת שְׁקָלִים', ווייל דָאס זֶעלְבֶּע הָאסְטוּ גֶעטְרַאכְט בֶּעפָאר מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסֶּכֶת פְּסָחִים, אַז מֶען וַוארְט אוֹיף שְׁלֵמוּת, אוֹיף אַ גַאנְצֶע זַאךְ - דֶעמָאלְט טוּט מֶען גָארְנִישְׁט. זָאגְט דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: אוֹיבּ מַשְׁלִים זַיין - קֶענְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַשְׁלִים זַיין אַלֶעס פוּן דַיין בַּר מִצְוָה און פוּן דַיינֶע פָארִיגֶע גִּלְגּוּלִים... און עֶס וֶועט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְדִיגְן.

אוֹיךְ הָאט דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבֶּעטְן: עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג, אוֹיסֶער וָואס מֶען לֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא, זָאל מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּר אִין זָאגְן בְּלֶעטֶער שַׁ"ס.

דָאס אִיז דֶער תִּיקּוּן הַשּׁוֹבָבִ"ים, זָאגְן תְּהִלִּים, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז עֶס זָאל זַיין 'חַיָּיו חַיִּים', לֶעבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אָמֵן.